ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## שלח

**(חלק כח שיחה ב)**

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וחמש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת שלח, יט־כה סיון, ה׳תשפ״ה (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2025
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# שלח ב

א. אין סוף פרשתנו[1] ברענגט רש״י פון רבי משה הדרשן: למה נסמכה פרשת מקושש לפרשת ע״א לומר שהמחלל את השבת כעובד ע״א שאף היא שקולה ככל המצות כו׳[2].

אין תוס׳[3] שטייט: מעשה המקושש הי׳ בתחילת ארבעים מיד אחר מעשה מרגלים דאמר במדרש דלשם שמים נתכוין שהיו אומרים ישראל כיון שנגזר עליהן שלא ליכנס לארץ ממעשה מרגלים שוב אין מחויבין במצות עמד וחילל שבת כדי שיהרג ויראו אחרים. ולפי״ז איז מובן די סמיכות פון פ׳ מקושש צו כללות פרשתנו, וואו ס׳רעדט זיך וועגן חטא המרגלים (וואָס איז דער עיקר סיפור בפרשתנו און על שמה ווערט אָנגערופן די גאַנצע סדרה — פ׳ שלח), וואָרום מעשה מקושש איז געקומען אַלס תוצאה פון מעשה המרגלים.

וויבאַלד תורה שטעלט פ׳ ע״א צווישן מעשה מרגלים און פ׳ מקושש, איז מובן, אַז אויך לדעת התוס׳ איז פ׳ מקושש שייך צו פ׳ ע״א ע״ד ווי רש״י ברענגט פון ר״מ הדרשן, און ווי תוס׳[4] איז מסביר די גמרא[5] "יודע הי׳ משה רבינו שהמקושש במיתה שנאמר[6] מחללי׳ מות יומת אבל לא הי׳ יודע באיזו מיתה"[7], אַז "אע״ג*[7] דמיתה סתם חנק היא, מתוך הסברא הי׳ מדמה לעובד עבודת כוכבים דבסקילה דמחלל שבת בפרהסיא ככופר בעיקר דכופר במעשה בראשית"[8].

ויש להוסיף: אָט די שייכות (פון פ׳ מקושש צו פ׳ ע״א) איז (נאָר) אין דעם עצם חטא פון שבת וע״ז. אָבער פון דעם וואָס די סמיכות איז ניט סתם אין אַ חטא סתם פון חילול שבת, נאָר צום חטא פון

---

1) ולא הביאו במקומו לפנ״ז בריש פ׳ מקושש (טו, לב) כי (כמדובר כמ״פ) אין סמיכות הפרשיות קושיא ודבר הצריך ביאור בפשש״מ — ראה בארוכה לקו״ש חי״ח ע׳ 141 ואילך. וראה לקו״ש חכ״ג ע׳ 62 ואילך.

2) ראה חולין ה, סע״א ובפרש״י שם (ושם הוא נוגע להלכה). וראה רמב״ם סוף הל׳ שבת (הובאו לקמן הערה 8) ובמפרשי רש״י כאן.

3) ב״ב קיט, ב ד״ה אפילו.

4) ב״ב שם ע״א ד״ה שנאמר. סנהדרין עח, ב ד״ה לא הי׳ יודע. וראה גם חידושי הרשב״א ב״ב שם.

5) ב״ב וסנהדרין שם. ועד״ז הוא בספרי פרשתנו טו, לד.

6) תשא לא, יד.

7) הובא גם בפרש״י פרשתנו שם, לד. אבל רש״י משנה וכותב "לא היו יודעים . . אבל יודעים כו׳" (ועד״ז הוא בפרש״י אמור כד, יב) והוא כבתו״כ אמור שם, ולא כבגמ׳ וספרי שמשה לא הי׳ יודע. ואכ״מ.

*7) ל׳ התוס׳ סנהדרין שם.

8) ובפרש״י חולין שם: העובד עבודת כוכבים כופר בהקב״ה והמחלל שבת כופר במעשיו ומעיד שקר שלא שבת הקב״ה במעשה בראשית. ולהעיר מדיוק לשון הרמב״ם שם: השבת ועבודת כוכבים ומזלות* כל אחת משתיהן שקולה כנגד שאר כל מצות התורה (וממשיך) והשבת היא האות שבין הקב״ה ובינינו לעולם לפיכך כו׳ אבל המחלל שבת בפרהסיא הרי הוא כעובד עבודת כוכבים ומזלות* ושניהם כעובדי כוכבים ומזלות** לכל דבריהם. — ראה לקו״ש ח״ל ע׳ 130 הערה 37. ואכ״מ.

*) והוא שינוי הצענזור כבכ״מ רמב״ם וצ״ל "ע״ז". וכ״ה ברמב״ם (רומי רמ).

**) שינוי הצענזור וצ״ל "כגויים" כבדפוס רומי הנ״ל.

מקושש דוקא, איז מסתבר צו זאָגן, אַז פ׳ ע״א האָט אַ שייכות צו דעם אופן אין חילול שבת ווי עס איז געווען ביים מקושש, „דלשם שמים נתכוין״.

ויש לומר, וויבאַלד אַז דאָס אַלץ איז אַ טייל פון פ׳ שלח, וואָס עיקרה איז פרשת מרגלים, דאַרף מען זאָגן, אַז אויך דער ענין האָט אַ שייכות צו דעם תוכן פון „מעשה מרגלים״[9].

ב. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדם אַ ביאור בדברי המדרש וואָס תוס׳ ברענגט: „דלשם שמים נתכוין שהיו אומרים ישראל כיון שנגזר עליהן שלא ליכנס לארץ ממעשה מרגלים שוב אין מחויבין במצות, עמד וחילל שבת כדי שיהרג ויראו אחרים״.

לכאורה בכדי אַרויסצוברענגען אַז מ׳איז נאָך אַלץ מחוייב במצות — פאַר־וואָס האָט ער געדאַרפט דוקא מחלל שבת זיין, ובפרט אַז דורך דעם קומט צו נאָך אַ חטא גדול ביותר „את דמכם לנפשותיכם״ — שופך דם עצמו[10] — ער ברענגט דערצו אַז „יהרג״, ער האָט עס געקאָנט אַרויסברייינגען דורך עובר זיין אויף אַן אַנדער מצוה, ביז אַ חטא קל ביותר, וועלכער איז מחייב מלקות, ממון וכיו״ב?

אויך אין תרגום יונתן[11] שטייט דער כללות התוכן אַז דער מקושש עצים האָט ניט געמיינט מחלל זיין במזיד נאָר לשם שמים נתכוין, אָבער דער ת״י באַוואָרנט פאַרוואָס ער האָט דוקא מחלל שבת געווען: וויבאַלד מ׳האָט דעמאָלט נאָר געוואוסט „גזירת שבתא״ אָבער דער עונש פון חילול שבת — „קנסא דשבתא לא אשתמודע להון״, איז דאָס געווען די כוונה פון דעם מקושש עצים אַז דורך זיינע מעשים „אשתמודע קנסא (פון שבת) לכל בית ישראל״.

אָבער לפי המדרש (המובא בתוס׳) אַז ער האָט דאָס געטאָן אויף אַרויסצו־ברענגען אַז מ׳איז מחוייב במצות, איז ניט מובן פאַרוואָס האָט ער אויסגע־קליבן חילול שבת, כנ״ל?

איז דער ביאור בזה — ע״פ דברי המהרש״א[12] אויף דער שאלה ווי אַזוי האָט ער מחלל שבת געווען כדי להודיע אין וועלכער מיתה איז מען דן אַ מחלל שבת? ער איז מסביר[13]: וויבאַלד אַז ער האָט צו דער מלאכה ניט געדאַרפט אָנקומען נאָר „לידע באיזו מיתה כו׳, ה״ל מלאכה שאינה צריכה לגופה כמו חופר גומא וא״צ אלא לעפרה שהוא פטור לר״ש״, און ער פירט אויס „וכן י״ל לפי המדרש שכתבו התוס׳ כו׳ דה״ל נמי מלאכה שאינה צריכה לגופה״.

ועפ״ז איז מובן לויט דעם מדרש המובא בתוס׳ פאַרוואָס ער האָט דאָס אַרויסגעבראַכט דורך מלאכת שבת דוקא, ווייל ער האָט ניט געוואָלט טאָן אַ חטא און ביחד דערמיט זאָל זיין בירור הנ״ל, און דאָס איז דוקא באַ שבת וואָס מלאכה שאינה צריכה לגופה איז פטור

9) ופ׳ נסכים (טו, ב ואילך) ופ׳ חלה (שם, יז ואילך) — מובנת שייכותן לפ׳ מרגלים ע״פ פרש״י שם, ב „בישר להם שיכנסו לארץ״. ובויק״ר פט״ו, ו: למה נסמכה פרשת חלה לפרשת ע״ז כו׳.

10) נח ט, ה (ובפרש״י שם).

11) פרשתנו עה״פ טו, לב.

12) חדא״ג ב״ב שם.

13) וראה גם ראש דוד ריש פ׳ פינחס. פני דוד להחיד״א פרשתנו כאן. עיי״ש. קדושת לוי פרשתנו עה״פ.

(לר״ש)[14], ביז ווי עס שטייט אין קדושת לוי[*14] — „א״כ לא חילל שבת כלל״.

ג. אעפ״כ האָט דער אויבערשטער געזאָגט „מות יומת האיש רגום אותו גו׳״[15], אַז ער איז געווען מחוייב מיתה — אע״פ אַז כלפי שמיא גליא אַז ס׳איז געווען אַ מלאכה שאינה צריכה לגופה, און לשם שמים נתכוין, ביז אַז „לא חילל שבת כלל״ [נאָכמער: דאָס איז אַ פעולה צוליב שמירת שבת — זיין כוונה איז געווען עס זאָל נתחזק ווערן שמירת שבת (ובכלל — תורה ומצות)[16] באַ אידן][17] —

איז מבאר דער מהרש״א[12] אַז דאָס איז ווייל „לא ידעו העדים שהתרו בו שהוא עשה על דעת זו ואינן אלא דברים שבלב ודנין היו אותו למיתה ע״פ העדות״. איז ניט דער פשט אין דעם אַז מ׳האָט אים סוקל געווען בטעות (מצד העדר ידיעת העדים)

— וואָרום תורה איז דאָך תורת אמת, איז אויב לפי האמת[18] מצד כוונתו, „לא חילל שבת כלל״, וואָלט דער אויבערשטער ניט געהייסן „מות יומת האיש גו׳״[19] —

נאָר דער חיוב סקילה „בדיני אדם״[20] איז ע״פ תורת אמת אויף דער מעשה ופעולה, און וויבאַלד אַז זיין מעשה איז געווען אַ מעשה פון חילול שבת, איז דאָס ע״פ דין ב״ד שלמטה[21] אַ פעולה וואָס מ׳איז אויף דעם מחוייב סקילה, און ס׳איז כלל ניט נוגע זיין כוונה[22].

ד. עפ״ז איז מובן די שייכות פון פ׳ מקושש צו פ׳ ע״ז:

בנוגע צו ע״ז געפינט מען אַן ענין מיוחד וואָס מען געפינט ניט בשאר מצות התורה: יעדער איד אפילו אַ קל שבקלים, בשעת עס קומט צו אַ נסיון פון ע״ז, איז ער זיך מוסר נפש „אפי׳ שלא לעשות רק איזה מעשה לבד נגד אמונת ה׳ אחד כגון להשתחות לעבודה זרה אף שאינו מאמין בה כלל בלבו״[23].

---

14) וראה שו״ת אור המאיר סי״ב, שגם לדעת ר״י (שס״ל מלאכה שאינה צריכה לגופה חייב) בנדו״ד פטור, ע״פ מ״ש התוס׳ (שבת עג, ב) דבתולש גם לר״י פטור כשאין צריך לעצים (וכ״ה לדעת הרמב״ם הל׳ שבת פ״ח ה״ד), והרי המקושש „תליש ועקר קיסין״ (תיב״ע כאן).

*14) פרשתנו עה״פ.

15) טו, לה.

16) ולהעיר משו״ת הרדב״ז (הובא בגליוני הש״ס לתוס׳ ב״ב שם) ח״ה סי׳ א׳תסח בעובר בלאו אם מתכוין למצוה אפי׳ התרו בו אינו לוקה. ובשו״ת הרדב״ז ח״א (סע״ז) ובזמן שהוא מוחק השם לתקן הספר כו׳ מאבד הוא ומ״מ מודה אני שאינו לוקה כיון שהוא סבור לעשות בטוב ולתקן כו׳. וע״ש בגליוני הש״ס.

17) ובראש דוד ופני דוד שם דזה גופא הי׳ ספיקו של משה אם חייב מיתה לפי דעשה לשם שמים וגם דה״ל מלאכה שאינה צריכה לגופה.

18) ולהעיר מרמב״ן עה״ת (שופטים יט, יט): שלא יתן ה׳ השופטים הצדיקים העומדים לפניו לשפוך דם נקי כי המשפט לאלקים הוא כו׳. ע״ש מ״ש בטעם דעדים זוממין הרגו אין נהרגין.

19) כי אף שזו היתה כוונתו „כדי שיהרג ויראו״ — הרי כמה דרכים למקום שתתקיים כוונתו, שבנ״י ידעו שמחוייבים במצות.

20) ראה גם חיד״א בשו״ת חיים שאל ח״ב ס״ג. עין זוכר מערכת מ׳ אות כ׳.

21) וכן צריך לפרש לכאורה במ״ש בקדושת לוי שם „רק סקלוהו עבור העולם שלא ידעו מזה כפשט המדרש״.

22) ראה עד״ז לקו״ש ח״ט (ע׳ 111 ואילך), בטעם ש„חייבי מיתות ב״ד . . אם עשו תשובה אין ב״ד של מטה מוחלין להן״ (מכות יג, ריש ע״ב) — ראה שו״ת נודע ביהודה או״ח מהדק״ק סל״ה. חיד״א הנ״ל. המובא בגליוני הש״ס מכות שם.

23) תניא ספי״ט (כה, ב).

וצריך ביאור: דער עיקר חטא פון ע״ז איז די אמונה בלב, ער איז מחשיב אַלס מציאות אחד מכל הברואים אויסער דעם אויבערשטן, אַ מלאך, גלגל או כוכב[24], ער איז מקבל (די עבודת כוכבים) אַלס אלוה[25], און בשעת אַז „אינו מאמין בה כלל בלבו״ איז דאָס ניט דער חטא פון ע״ז, ער האָט זיך ניט אָפּגעריסן פון דעם אויבערשטן, ולאידך, אפילו בשעת ער איז זיך ניט מוסר נפש קומט אים ניט קיין עונש ווייל ס׳איז אַ מעשה באונס[26].

נאָר וויבאַלד דאָס איז אַ מעשה פון ע״ז, אע״פ אַז דאָס איז ניט דער תוכן החטא של ע״ז, הייסט דאָס באַ אידן דאָ למטה איסור ע״ז, און ער איז זיך אויף דעם מוסר נפש.

און דאָס איז דער המשך פון פ׳ מקושש עצים ביום השבת צו פ׳ ע״ז:

מלאכת שבת איז דאָך כל תוכנה פאַרבונדן מיט מחשבתו וכוונתו — „מלאכת מחשבת אסרה תורה״, וואָס דערפאַר[27] איז מען ניט חייב אויף אַ מלאכה שאינה צריכה לגופה [ובפרט בנדו״ד וואָס ער האָט דאָס געטאָן „לשם שמים״, איז דאָס כלל ניט קיין מעשה פון חילול שבת][28] — אעפ״כ, וויבאַלד אַז די מעשה מצ״ע ווי עס זעט אויס אין וועלט איז דאָס אַ מעשה פון חילול שבת (וואָרום דאָס וואָס ס׳איז געווען אַ מלאכה שאינה צריכה לגופה האָט זיך דאָס כלל ניט אָנגעזען אין דער מעשה), איז ע״פ תורת אמת, קומט אים סקילה אויף דער מעשה.

ה. ע״פ כל הנ״ל וועט מען אויך פאַר־שטיין די שייכות בתוכן פון מעשה המ־קושש צו „מעשה מרגלים״:

ס׳איז מבואר בכ״מ[29] אַז דער טעם פאַרוואָס די מרגלים האָבן געוואָלט בלייבן אין מדבר און ניט אַריינגיין אין א״י, איז ווייל דער עיקר עסק פון אידן אין מדבר (וואו זיי האָבן זיך ניט גע־דאַרפט פאַרנעמען מיט עסק הפרנסה וכו׳) איז געווען אין לימוד התורה (וכמחז״ל[30]: לא ניתנה תורה לדרוש אלא לאוכלי המן), וואָס לימוד התורה איז עיקרו — די הבנה והשגה[31] בשכל ומחשבה[32] (און אויך — אַראָפּברענגען עס אין דיבור[33]); משא״כ אין א״י, וואָס דאָרט איז דאָך שש שנים תזרע שדך גו׳ תזמור כרמך[34], ובפנימיות — דער עיקר עבודה דאָרט איז — מעשה, מצות מעשיות (ובפרט קיום המצות התלויות בארץ[34*]), און מעשים טובים בכלל (עוב־דין טבין).

24) ראה רמב״ם רפ״ב מהל׳ ע״ז. וראה בארוכה לקו״ש ח״כ ע׳ 17 ואילך.

25) ראה רמב״ם שם פ״ג ה״ו. וראה צפע״נ שם.

26) רמב״ם הל׳ יסודי התורה פ״ה ה״ד. וראה תוס׳ סנהדרין סא, ב.

27) חגיגה י, ריש ע״ב. וש״נ.

28) להעיר מתשובות רעק״א (ח״א ס״ח) בההפרש בין פטור מתעסק למלאכת מחשבת „דהיכא דליכא מלאכת מחשבת אינו בכלל מלאכה ולא נעשית העבירה כלל״.

29) לקו״ת ריש פרשתנו (לז, א. לח, ב־ג). אוה״ת שם. וראה גם לקו״ש חי״ח ע׳ 153 ואילך. וש״נ. ובכ״מ.

30) מכילתא בשלח טז, ד.

31) וכמש״נ (ואתחנן ד, ו) „היא חכמתכם ובינתכם״.

32) ועד ש„בתורה שבע״פ אם אינו מבין הפירוש אינו נחשב לימוד כלל״ (הל׳ ת״ת לאדה״ז ספ״ב, ממג״א או״ח ס״נ).

33) עירובין נד, א. הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״ב סי״ב.

34) בהר כה, ב־ג.

34*) ראה בארוכה במקומות שנסמנו בהערה 29.

דערמיט וועט מען פאַרשטיין דברי המדרש (שהובא בתוס') הנ"ל: שהיו אומרים ישראל כיון שנגזר עליהן שלא ליכנס לארץ ממעשה מרגלים שוב אין מחויבין במצות. פון פשטות לשון המדרש איז משמע, אַז זיי האָבן ניט געמיינט מורד זיין אין אויבערשטן ח"ו דערמיט וואָס זיי וועלן ניט מקיים זיין מצות, נאָר[35] „אין מחויבין במצות". ול־כאורה תמוה: וואָס איז דער טעם פון זייער קס"ד?

וואָלטן זיי געזאָגט „כיון שנגזר עליהם מיתה"[36] וכיו"ב — וואָלט מען נאָך געקענט מסביר זיין זייער קס"ד (בדוחק גדול — עכ"פ), אַז מכיון שנגמר דינם למיתה, זיינען זיי ווי גברא קטילא און זיי האָבן ניט קיינע חיובים. אָבער וואָס איז די קס"ד „כיון שנגזר עליהן שלא ליכנס לארץ כו' שוב אין מחויבין במצות"?

נאָר ע"פ הנ"ל יש לומר אַז דאָס גופא איז געווען זייער קס"ד: וויבאַלד אַז דער ענין פון כניסה לארץ איז דאָך (בעיקר) צוליב קיום המצות במעשה, האָבן זיי גערעכנט, „כיון שנגזר עליהן שלא ליכנס לארץ ממעשה מרגלים שוב אין מחויבין במצות" — צו זיי איז ניט שייך די עבודה פון קיום המצות במעשה [אפילו אָט די מצות אין וועלכע זיי זיינען געווען חייב ביז דעמאָלט, ובפרט וואָס כו"כ ציוויים זיינען דאָך געגעבן געוואָרן אַלס הקדמה צו כניסה לארץ[37] (אַז בזכות פון די מצות וועט מען אַריינ־גיין אין א"י[38])], און זייער גאַנצער עבודה באַשטייט בלויז אין לימוד התורה (במחשבה ודיבור) — „אין מחויבין במצות".

און אויף דעם קומט דער המשך פון מעשה מקושש עצים — „עמד וחילל שבת כדי שיהרג ויראו אחרים": דאָס ברענגט ארויס, אַז אויך אין די ענינים וואָס כל תוכנם איז „מלאכת מחשבת", און ער האָט דאָך דאָס געטאָן „לשם שמים" ניט אויף עובר זיין אויף רצון השם — פונ־דעסטוועגן, איז אויך בזה דער עיקר — די מעשה בפועל, וואָס דערפאַר זאָגט תורת אמת אַז דער פסק הלכה למטה איז אַז דאָס איז חילול שבת און עס קומט דערפאַר סקילה.

און דאָס האָט געלערנט די אידן וואָס זיינען דעמאָלט געבליבן אין מדבר, אַז אע"פ „שנגזר עליהן שלא ליכנס לארץ", איז דאָס נאָר אַז זיי קומען ניט אָן צום עיקר קיום מצות במעשה, ווי ס'איז אין א"י: אָבער אויך זיי, פאַרבלייבנדיק אין מדבר, איז די עבודה נוגע בעיקר ווי דאָס קומט אַראָפּ אין מעשה בפועל (אויף וויפל עס איז שייך במדבר[39]).

ווייל עיקר ענין המצוה — צוותא וחיבור מיטן אויבערשטן, איז דורך מעשה המצוה.

(משיחות ש"פ שלח תשי"ט, מוצש"ק ראה תשל"ט)

---

35) בדברי דוד פרשתנו עה"פ מפרש ע"פ מדרש הנ"ל ל' „במדבר" שבכתוב, „דה"ק אחר מעשה המרגלים נעשו ישראל הפקר כמדבר כו' נהגו הפקר במצות ובא זה כו' לבטל ההפקר".

36) עד"ז הוא הלשון בקדושת לוי כאן.

37) ובפרט ע"פ ספרי ופרש"י עקב יא, יז (יח): אף לאחר שתגלו היו מצויינים במצות הניחו תפילין עשו מזוזות כדי שלא יהיו לכם חדשים כו'. וראה בארוכה רמב"ן אחרי יח, כה: כי עיקר כל המצות ליושבים בארץ ה'.

38) ראה קידושין (לז, סע"ב) במצות תפילין ופטר חמור.

39) ראה בארוכה לקו"ש שם.